# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:22
מוצאי שב"ק.................5:51

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................עזרא ז'-ח'
בבלי.......................עירובין צ"ז
ירושלמי...................חגיגה ג'
תוספתא.............בבא בתרא ו'
רמב"ם.......................שבת כ'

פרשת חיי שרה, כ"ז חשון, מברכים חודש כסלו, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 8 (473)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמַר ה׳ אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם, אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, דֶער זוּן פוּן זַיין הֶער אַבְרָהָם.

אוֹיף דָאס וָוארְט "וַיֹּאמַר" אִיז דֶער טְרָאפּ אַ שַׁלְשֶׁלֶת, מְ'זִינְגְט עֶס מִיט אַ טְרִיפְּלְטֶע תְּנוּעָה, וָואס קוּמְט דָאס אוּנְז לֶערְנֶען?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מ"ח) אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט נָאכְצוּלָאזְן פוּן כָּאטְשׁ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר טוּט, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן.

וֶוען אַ אִיד וִויל זִיךְ נֶעמֶען דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר וִויל אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן נָאר זַיין וִוילְן, הָאט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ חֵשֶׁק עֶר זָאל גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל, עֶר זָאל גְלַייךְ דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. עֶס גֵייט אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אֵיידֶער אַ אִיד קוּמְט אָן צוּ וָואס עֶר דַארְף צוּקוּמֶען, דַארְף עֶר קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין פִילֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת, מְ'וֶועט אִים פְּרוּבִּירְן פוּן הִימְל אַרָאפְּצוּוואַרְפְן, אָדֶער וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין הַאלְטְן גָאר נָאנְט צוּם טִיר, וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אִים אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי טוֹיעֶרְן פוּן קְדוּשָׁה.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגַארְטְלְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁטְרוּיכְלוּנְגֶען, נָאר יֶעדֶע מִינוּט אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה צוּ טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ יֶעדֶע רֶגַע, דַארְף עֶר אָבֶּער וִויסְן אַז אוֹיב אַזַא שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אַ קְלֵיינֶע רִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, אִיז דָאס נָאךְ פִיל מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַזַא וַוייטֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר זֶעט אַזוֹי אוֹיס שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט אִין דִי תּוֹרָה זֵייעֶר מְחַזֵּק יֶעדְן אִיד, עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע נְפִילוֹת, עֶר זָאל נִישְׁט אַזוֹיפִיל בַּאטְרַאכְטְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל וִויסְן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, דָאס אִיז דֶער וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אַלֶעמָאל, אוּן קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן קֵיינְמָאל בְּשׁוּם אוֹפָן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט דָארְט אַז אַלֶע אֱמֶת'ע צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס צַדִּיק, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גְרִינְגֶע וֶועג גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען, נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת. אוּן אוֹיב וֶועלְן מִיר זֵיי נָאכְמַאכְן, זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי דוּרְכְפֶעלֶער, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דָאס אִיז אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת ה׳, מִיט סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ אַ אִיד וִויל וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ אִין אֵיין מִינוּט, עֶר וֶועט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוערְט עֶר נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ זִיךְ דַארְפְן אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל מִיט אַ גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנוּת, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת נִישְׁט נָאכְצוּלָאזְן אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג דָאס לֶערְנֶען, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאר עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן כָּאטְשׁ וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אַ וֶועג פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מְ'זָאל אוֹיפְמַאכְן דֶעם סֵפֶר אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'זָאגְט אוּן מְ'גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ'לֶערְנְט. צוּ דֶעם דַארְף מֶען אָבֶּער
<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז צוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר
<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ פַארְמַאכְן דַיין סָאשֶׁעל מִידִיָע אַקַאוּנְט. עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וֶוען מֶען מַאכְט אָפּ אָפְּצוּלָאזְן אוּן פַארְמַאכְן דִי סָאשֶׁעל מִידִיָע פוּן זִיךְ אַלֵיינְס וִוי וֶוען מֶען מַאכְט דָאס צוּ גֶעצְוָוינְגֶענֶערְהֵייט פוּן אַ מַשְׁגִּיחַ אָדֶער מְנַהֵל וְכוּ׳.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט צוּ זַיין סָאשֶׁעל מִידִיָע וַוייזְט עֶר וֶוער עֶר אִיז; עֶר וַוייזְט אַז עֶר וִויל תַּכְלִית. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ וואוֹילֶע מֵיידְל וָואס אִיז רֵיין פוּן דִי זַאכְן, אוּן זִי וֶועט דִיר זַיין גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ וַוייבּ לוֹיט זַיינֶע מַעֲשִׂים; אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַיינְגֶעטוּנְקֶען רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין זַיין טֶעלֶעפָאן וְכוּ׳ וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ פְרוֹי וָואס זִי וֶועט אוֹיךְ זַיין אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין אִיר טֶעלֶעפָאן; זִי וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע חַבְרְ'טֶעס אוּן זִי וֶועט נִישְׁט זַיין גֶעטְרֵיי צוּם מַאן וְכוּ׳. אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט אָפּ זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זוּכְט תַּכְלִית, עֶר וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, עֶר וִויל אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ רֵיינֶע מֵיידְל וָואס וֶועט זַיין גֶעטְרֵיי פַאר אִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן מִיטְהַאלְטְן נֵייעֶס אוּן פָּאלִיטִיק?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

עֶס הָאט מִיר אַלֶעמָאל שְׁטַארְק גֶעצוֹיגְן מִיטְצוּהַאלְטְן נֵייעֶס, סְפֶּעצִיעֶל אַמֶערִיקַאנֶע פָּאלִיטִיק, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר וֶוען דִי נֵייעֶס קָאכְט אַזוֹי שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג, צִיעֶט עֶס מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער.

אִיךְ קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל, אוּן יֶעדֶער רֶעדְט נָאר פוּן דִי נֵייעֶס אוּן פָּאלִיטִיק, אוּן אִיךְ וֶוער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין דִי שְׁמוּעֶסְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אָבֶער נָאכְדֶעם פוּן מִיר אַלֵיין אַז סְ'אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע דַאֲגוֹת נָאר צוּ רֶעדְן אִיבֶּער נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק.

וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן זַיין פַארְנוּמֶען אַזוֹיפִיל מִיטְ'ן הֶערְן אוּן לֵיינֶען דִי נֵייעֶס, סֵיי אוּם שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, אוּן סֵיי אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וָואךְ? אִיךְ וֵוייס אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט מִיר אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע שָׁעוֹת יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוּ מֶען גֵייט אוּן ווּאוּ מֶען שְׁטֵייט זֶעט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, אַ טֵייל פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן גֶעוִוינְס פוּנֶעם נֵייעֶם פְּרֶעזִידֶענְט אוּן אַ טֵייל בֵּייזֶערְן זִיךְ; פְרֶעג דִי וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ: 'מִיט וָואס פְרֵייסְטוּ זִיךְ? וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?' אוּן פְרֶעג דִי וָואס בֵּייזֶערְן זִיךְ אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט הָאט פַארְלוֹירְן: 'וָואס גֵייט דִיר עֶס אָן? וָואס אִיז דָאס נוֹגֵעַ פַאר דִיר?' קֵיינֶער פוּן זֵיי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל דִי גַאנְצֶע פָּאלִיטִיק, פַאר וֶועם מֶען זָאל שְׁטִימֶען, וֶוער עֶס גֵייט גֶעוִוינֶען, וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט פוּן לֶעבְּן מִיט זַאכְן וָואס גֶעבְּט נִישְׁט צוּ פַאר'ן לֶעבְּן; מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי מָאנְט פוּן אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי טֶעג פוּנֶעם לֶעבְּן פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ שָׁאטְן, "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו)", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין

<<<<<<

>>>>>>

אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת.

דָאס אָבֶער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

וֶוען אַ אִיד דַארְף הִילְף, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דַאן זָארְגְן אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת, נָאר זֶען מִיט וָואס מֶען קֶען אִים הֶעלְפְן, אַמָאל קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן בְּגוּף אוּן אַמָאל מִיט גֶעלְט, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אַז יֶענֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ צוּפְרִידֶענֶער. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פַארְלָאפְן אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי הִילְף פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ צְדָקָה קַאסֶע מִיט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּזַאמְען גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אֲסִיפָה דוּרְכְצוּגֵיין דִי בִּיכֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג הַכְנָסוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁנַיידְן דִי הוֹצָאוֹת צוּ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט. אָבֶער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי אוּמְוִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ

<<<<<<

>>>>>>

הָאבְּן גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ, פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֵּ' זַיין דֶערְמִיט, אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס מְ'זָאגְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף וָואס פַאר אַן אוֹפָן, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז צוּם סוֹף וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

דָאס מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען אָבֶער הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע מָאס עַקְשָׁנוּת וֶוען סְ'קוּמְט צוּ תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען אַ אִיד אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, "צוּ תּוֹרָה, צוּ עֲבוֹדָה, צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"א), וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ תְּמִימוּת, אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶעס מִיט וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט עַקְשָׁנוּת טָאג נָאךְ טָאג, אֲפִילוּ עֶר זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי רֶעזוּלְטַאטְן, דַאן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם מַדְרֵיגָה צוּ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אָבֶער אוֹיךְ פוּן דֶעם, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַ אִיד פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ פוֹילְקֵייט אוּן אַ מִידְקֵייט, אוּן סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'קֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערִיג זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען כָאטְשׁ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ אִים, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר אֵיין וָוארְט, אוּן דָאס אִיבֶּערְזָאגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט עַקְשָׁנוּת, נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן דָאס קְלֵיין בִּיסְל וָואס מְ'קֶען, אוּן דַאן וֶועט צוּם סוֹף זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ב:) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'" (תְּהִלִּים כ"ז, י"ד). מְ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן, נָאר בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מְ'וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

דָאס זֶעעֶן מִיר בַּיי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶערְנְט וָואס מֵיינְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶעעֶן מִיר וִוי עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

דָאס אִיז דִי שַׁלְשֶׁלֶת וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיפְ'ן וָוארְט "וַיֹּאמַר", וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל, מְ'דַארְף רֶעדְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט עַקְשָׁנוּת אָן אוֹיפְגֶעבְּן, בִּיז צוּם סוֹף וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חַיֵּי שָׂרָה תשע"ה)

>>>>>>

שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת אִין שְׁטָאט, צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער גֶעלְט פַּאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין שְׁטָאט.

דָארְט אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט מַמָּשׁ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי צְדָקָה קַאסֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם. עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם, נָאר צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן נָאךְ וֵוייניגֶער אוּן וֵוייניגֶער, בִּיז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

דֶער בַּאשְׁלוּס צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער צְדָקָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ גֶעוִויסְן רָב וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קַאסֶע. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רח"ל.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶגְבֶּערְן אִינֶעם קָאפּ פוּן דֶעם רָב מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רח"ל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן רח"ל. אֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלַח פוּן שְׁטָאט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל זִיךְ שְׁמַדְ'ן רח"ל. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם קִטְרוּג וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי צְדָקוֹת אוּן דִי אָרִימֶעלַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער.

פַארְ'ן גַלַח הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דֶער גַאנְצֶער עֵסֶק, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אַ חָשׁוּבֶ'ער רָב זִיךְ פְלוּצְלִינְג וֶועלְן שְׁמַדְ'ן? עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען וִויל אִים עֶפֶּעס אָפְּטוּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רָבְ'ס פַארְלַאנְג.

עֶר הָאט קוֹדֶם אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם רָב אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען זִיךְ צוּ זֶעצְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן אַזוֹי דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דִי זַאךְ. אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב אַ שְׁטַארְקֶע בְּרָאנְפְן, פוּן וָואס דֶער רָב הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי שְׁטָאט מֶעזְשִׁיבּוֹזְשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַלֶעס וָואס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶר הָאט פְלוּצְלִינְג בַּאפוֹילְן פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן מַאכְן הַבְדָּלָה, אוּן אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד אוּן אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט צוּם גַלַחְ'ס הוֹיז. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ טוּן".

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אוּן גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גַלַחְ'ס הוֹיז אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער רָב לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְגַאנְצְן פַאר'שִׁיכּוֹר'ט. דֶער רָב הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף טוּן. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רָב. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רָב זִיךְ צוּ גֵיין וַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה, הָאט דֶער רָב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָּב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם גַלַחְ'ס הוֹיז אוּן עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט וֶוען מֶען הַאלְט נָאר צוּרִיק דָאס הִילְף וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען. אוּן עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן יָא צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

>>>>>>

די הארבע פראגע פון "כסף מנלן", פון וואו מ'וועט נעמען דאס געלט דערפאר, אין די צייט וואס די חברים פון וועמען מ'האט געבארגט פאר די פריערדיגע שמחות זענען נאכנישט באצאלט געווארן. און אט זעט מען ווידעראמאל א לעבעדיגע ביישפיל ווי אזוי יעדער קען זיך ערלויבן רואיגערהייט חתונה צו מאכן די קינדער. די חתונה נאכט קאסט נישט קיין געלט, און די איבריגע הוצאות החתונה איז אויף אזא פארנעם וואס יעדער געווענליכער אינגערמאן קען זיך ערלויבן.

און דער גרעסטער חידוש איז אז די חתן כלה זענען נישט "מסכים" חתונה צו האבן אויף אזא פשוטן אופן, נאר זיי "בעטן" זיך גאר ביי זייערע עלטערן אז די חתונה זאל זיין אין ישיבה, און אז מ'זאל אויסגעבן אויף די חתונה בלויז די מינימאלסטע וואס איז שייך. דאס איז צו פארדאנקען די גוטע חינוך וואס זיי באקומען אז די אלע נארישקייטן אויף וואס מ'בארגט זיך און געלט ברענגט נישט קיין שום תועלת אין לעבן, עס מאכט גארנישט פרייליך, און גלייכצייטיג זעען זיי די פריערדיגע חתונות אין ישיבה, די שיינע שטיבער וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן לשם ולתפארת, טראץ דעם וואס די עלטערן האבן נישט געדארפט האבן קיין הארץ דרוקענישן צוליב די חתונה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

>>>>>>

אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוילַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן, דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אַ קִינְד, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ אִינְגְל, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶער אִיד אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּם אֵייבִּיגְן אָרְט - צוּם בֵּית הַחַיִּים"; יֶעדֶע פָאר יָאר קוּמְט פְרִישֶׁע וַואלְן, מֶען קָאכְט זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי יָארְן אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דֶעם, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְט הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" אוּן פַאר יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וִויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען וִויל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת פוּן פָּאלִיטִיק, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; שַׁבָּת אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן פָּאלִיטִיק, שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וַיַּקְהֵל, רה:) "הַאי יוֹמָא, יוֹמָא דְנִשְׁמָתִין הוּא וְלָא יוֹמָא דְגוּפָא", שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פַאר דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט פַארְ'ן גוּף, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): "יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם" - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, "אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים", אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כֻּלּוֹ תּוֹרָה", זָאל מֶען שַׁבָּת אוֹיסְנוּצְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, "וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה", אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, "לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ נָאר פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. "מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֶנּוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: 'עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ', 'עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ'", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיּוֹת, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הֵייבּ אָן זָאגְן חוּמָשׁ וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט", וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אִין שׁוּל רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים פָּאלִיטִיק - גֵיי אַהֵיים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן דִי סְעוּדָה. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶונֶען קוּמֶען מַלְאָכִים אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיזְן שְׁטוּבּ (שַׁבָּת קיט:), עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כָּבוֹד צוּ לָאזְן דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוּעֶסְן, מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רעא, סָעִיף א): "כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיָּד", מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶלֶעךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פָּאלִיטִיק, גֵיי אַהֵיים אוּן שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה.

ווארל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק; עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית; דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers


**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**



# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**שמה**

טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט וואו זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה וואו זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, אָבֶער זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין. אִיךְ וֶוער אָבֶער, בָּרוּךְ ה', יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ". מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי עֶרְקְלֶערְט דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף אִים, "אַ צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים, אוּן עֶר הָאט וָוארְצְלֶען מִיט צְוַוייגְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער צַדִיק מַחְלוֹקֶת אוֹיף זִיךְ אֵיידֶער עֶר קוּמְט אָן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז.) "הַאי תִּיגְרָא דַּמְיָא לְבִידְקָא דְּמַיָּיא" מַחְלוֹקֶת אִיז וִוי אַ שְׁנִירְל וַואסֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז וִוי אַ בּוֹים, דַארְף הָאבְּן מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז וִוי וַואסֶער, אַז עֶר זָאל קֶענֶען וַואקְסְן. אִיךְ דַארְף אָבֶער אַלֶעמָאל הָאבְּן מַחְלוֹקֶת אוֹיף מִיר, וַוייל אִיךְ גֵיי אֵייבִּיג הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער פוּן אֵיין דַרְגָא צוּם צְוֵוייטְן. אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי פְרִיעֶר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיף דֶער וֶועלְט".

**שמו**

אֵיינְמָאל, אִין בְּרֶען פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען מְ'הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת, רְדִיפוֹת, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "גְלוֹיבְּט מִיר, אִיךְ קֶען מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מִיר. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הֵיכָלוֹת וָואס מְ'קֶען דָארְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת.

"אַ רְאָיָה הָאט אִיר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט דָאךְ זִיכֶער גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ צוּ צִיעֶן צוּ זִיךְ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ל"ה, א') "וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער דַעַת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן אִידְן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ל"ג, ח') "וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי מֹשֶׁה", אוּן חֲזַ"ל דַרְשְׁ'עֶנֶען דֶערוֹיף (יְרוּשַׁלְמִי בִּיכּוּרִים, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ג') אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "קוּק וִוי פֶעט זַיינֶע פִיס זֶענֶען, עֶר עֶסְט אַלֶעס פוּן דִי אִידְן". אוּן עֶנְלִיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק"י.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ט"ז, ד') "וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה וַיִּפֹּל עַל פָּנָיו", אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי אִידְן זֶענֶען אִים חוֹשֵׁד מִיט אֵשֶׁת אִישׁ.

"דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט וַוייל סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע זַאכְן צוּ וָואס מְ'קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען נָאר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת, וֶוען מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז.) "הַאי תִּיגְרָא דַּמְיָא לְבִידְקָא דְּמַיָּיא" מַחְלוֹקֶת אִיז אַזוֹי וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י"ז, י"ד) "פּוֹטֵר מַיִם רֵאשִׁית מָדוֹן", אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וִוי אַ בֵּיימְל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה". וִוי מֶער מְ'גִיסְט וַואסֶער אַרוּם דֶעם בּוֹים, אַלְץ בֶּעסֶער וַואקְסְט עֶס".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# כוס תנחומין

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך

משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

הרה"צ רבי **יצחק לעזער** שליט"א

**אויף די הסתלקות פון זיין טאטע**

**הרה"ח ר' בנימין ביי'נישׁ ב"ר יחזקאל שרגא זצ"ל**

**המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים**

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# פראכטפולער סיום מסכת עירובין, דעם קומענדיגן מוצש"ק תולדות הבעל"ט

די קומענדיגע וואך מוצש"ק תולדות וועט אי"ה פארקומען ברוב פאר והדר דער גרויסארטיגער סיום מסכת עירובין וואס איז געלערנט געווארן אין די ראמען פונעם דף הקהלה במשך די לעצטע פאר חדשים.

די הכנות גייען אן מיט'ן פולסטן שוואונג, און עס איז ערווארטעט גאר א רייכער פראגראם מיט פילע איבערראשונגען פון וואס יעדער וועט הנאה האבן.

אנשי שלומינו וואס האבן זיך אנגעשטרענגט טאג איין טאג אויס צו לערנען דעם שיעור גמרא, וועלן יעצט זיך פרייען בשמחה של תורה, ווען מ'איז זוכה צו ענדיגן די גאנצע מסכתא, און גלייכצייטיג זיך אנגארטלען מיט א פרישקייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען דעם שיעור גמרא יעדן טאג אן אויסנאם.

מ'קען שוין קויפן טיקעטס צום מעמד אין די פאלגנדע געגנטער, אין וויליאמסבורג ביי מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו 347-404-8738, אין בארא פארק ביי מו"ה יצחק משה רייך הי"ו 646-391-9053, אין ברסלב ביי מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו 347-585-9054, אין קרית יואל ביי מו"ה יואל טייטעלבוים הי"ו 845-467-5299.

צוליב דעם מצב וועלן אריינגעלאזט ווערן אין זאל נאר א געצוימטע צאל מענטשן. די זאל האט סעקיוריטי וואס וועלן זיכער מאכן אז ס'גייען נישט אריין מער מענטשן ווי ערלויבט, און מ'וועט צוגרייטן די פלעצער נאר לויט וויפיל טיקעטס עס זענען פארקויפט געווארן, דעריבער אויב ווילט איר האבן א זיץ ביים הערליכן מעמד, זעט צו קויפן די טיקעטס ווי פריער. מען וועט קענען קויפן טיקעטס נאר ביז דריי טעג פאר דעם מעמד, דאס הייסט מיטוואך תולדות.

אזוי ווי ביים פארגאנגענעם סיום איז די פרויען זאַל נישט געווען צוגעשטעלט ווי מ'דארף, האבן מיר דאס מאל אריינגעלייגט באזונדערע כוחות אז די פרויען זאלן האבן א באקוועמע פלאץ, און קענען מיטהאלטן דעם גאנצן מעמד.

עס וועט זיין צוגעשטעלט בעביסיטינג פאר אומזיסט, פאר קינדער ביז דריי יאר אלט.

**הדרן עלך מסכת עירובין!**

***

# צוויי פרייליכע חתונות פון תלמידי הישיבה

די וואך מאנטאג האבן די בחורים פון ישיבה און אנשי שלומינו זיך מיטגעפריידט ביי די חתונה פון החתן יעקב איידליס הי"ו, בן מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב"ג בת מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו. עס איז געווען גאר א פרייליכע חתונה, די בחורים האבן געטאנצן און משמח געווען אויף גאר א שיינעם פארנעם.

א טאג דערויף, אום דינסטאג, איז פארגעקומען נאך א חתונה, ווען החתן שמעון איינהארן הי"ו, בן מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו, איז געגאנגען אונטער די חופה עב"ג בת מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו.

די חתונה איז פארגעקומען אין ישיבה, און אזוי ווי ביי אלע פריערדיגע חתונות אין ישיבה האט עס דאס מאל אויך נישט געקאסט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים. עס דערפרייט דאס הארץ צו זען ווי תלמידי היכל הקודש האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, זיי זוכן נישט אויסגעבן טייער אידיש געלט פאר נארישע כבוד המדומה, זיך איינצורעדן אז איינער קוקט עס בכלל ארויף, נאר מ'מאכט חתונה אויפ'ן פשוט'סטן און ביליגסטן אופן, בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אז מ'דארף חתונה מאכן די קינדער.

ווי מ'האט שוין געזען ביי די פריערדיגע חתונות אין בית המדרש, זענען די חתונות געווען גאר גאר פרייליך, מ'האט געטאנצן און משמח געווען אויף גאר א שטארקן פארנעם, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אלע איבריגע נארישקייטן אויף וואס מענטשן ווארפן געלט אין מיסט, העלפן בכלל נישט ארויס צו די שמחה, די איינציגסטע זאך וואס האט געפעלט ביי די חתונות איז נאר געווען די חובות.

ווער עס האט שוין זיך אמאל פערזענליך באטייליגט ביי א חתונה אין ישיבה, ווייסט ווי פרייליך און געשמאק דאס איז, גארנישט אונטערשטעליג פון א חתונה אין אן אזוי-גערופענע "נארמאלע" חתונה זאל, און ווען מ'זעט נאכדעם א צווייטע חתונה וואונדערט מען זיך פארוואס מענטשן געבן אויס אידיש געלט פאר אזעלכע נארישקייטן, וואס ברענגען נישט קיין שום ניצן פאר קיינעם.

איינע פון די הויפט סיבות פארוואס מענטשן יאגן זיך נישט חתונה צו מאכן די קינדער, איז מיט

<<<<<<

# סימן טוב ומזל טוב

החתן **יעקב איידליס** הי"ו, ברסלב

**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

***

החתן **שמעון איינהארן** הי"ו, סטעטן איילענד

**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

# איין שלעכט ווארט

**צי ווייסט איר די כח פון א ווארט וואס ווערט ארויסגערעדט? וואס איין שלעכט ווארט קען אפטון?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 25**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >